געטראָפֿן, זאָג איך, מיט חײַקען?" „סטײַטש, זאָגט ער, זי האָט זיך אָפּ־געסמט!"

— פּטור, נו!

— ווי איך האָב דאָס דערהערט, אַזוי בין איך אַוועקגעלאָפֿן אַהיים. מײַן ערשטער געדאַנק איז געווען: „וואָס וועט עטקע זאָגן?" (עטקע — די טאָכטער מײַנע). איך קום צו גיין אַהיים צו מײַן אַלטינקע: „אַוווּ איז עטקע?"... „עטקע שלאָפֿט נאָך. וואָס איז דען?"... „סטײַטש, זאָג איך, חײַקע האָט זיך אָפּגעסמט!"... ווי איך האָב דאָס אַרויסגערעדט, אַז מײַן ווײַב כאַפּט זיך נישט מיט בײדע הענט באַם קאָפּ: „אַ קלאָג איז איר! אַ מכּה איז איר! אַ צרה איז איר!" „וואָס? ווער? וועמען?" „סטײַטש, זאָגט זי, עטקע איז אַרומגעגאַנגען מיט איר ערשט נעכטן באַדערנאַכט אפשר צוויי שעה נאָכאַנאַנד!" „עטקע, זאָג איך, מיט חײַקען? וואָס רעדסטו דאָס? ווי קאָן דאָס זײַן?" „אוי, זאָגט זי, פֿרעג מיך נישט! איך האָב איר דאָס געמוזט נאָכגעבן. זי האָט זיך געבעטן, זאָגט זי, באַ מיר, דו זאָלסט נישט וויסן, אַז זי זעט זיך מיט איר אַלע טאָג! אַן אומגליק האָט געשען... הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן!"... אַזוי מאַכט צו מיר מײַן אַלטינקע און פֿליט־אַרײַן צו עטקען אין קאַמער אַרײַן און טוט אַ פֿאַל אויף דער ערד. איך נאָך איר. לויף־צו צום בעט. „עטקע!" ווער עטקע? וואָס עטקע? עטקע הײַנט! עטקע מאָרגן! עטקע איז נישטאָ.

— נישטאָ?

— טויט. ליגט אויפֿן בעט אַ טויטע. אויפֿן טיש אַ פֿלעשל און אַ צעטעלע דערבײַ, מיט איר אײגענער האַנט געשריבן, און דווקא אויף ייִדיש. פֿלעגט שרײַבן ייִדיש — אַ חיות געווען צו לײענען. „ליבע און טײַערע טאַטע־מאַמע, — שרײַבט זי אין צעטעלע — זײַט מיר מוחל, וואָס איך האָב אײַך אָנגעטאָן אַזאַ ווײטיק מיט אַזאַ בזיון. זײַט מיר הונדערט מאָל מוחל — שרײַבט זי. מיר האָבן זיך בײדע דאָס וואָרט געגעבן — איך און חײַקע, — אַז מיר זאָלן אין אײן טאָג, — שרײַבט זי — אין אײן שעה און מיט אײן טויט שטאַרבן, וואָרעם מיר קאָנען אײנע אָן דער אַנדערער נישט לעבן... איך ווייס, — שרײַבט זי — אַז איך באַנײ קעגן אײַך, מײַנע ליבע און טײַערע, אַ גרויס פֿאַרברעכן. איך האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה. עס איז אָבער אַ באַשערטע זאַך, און פֿאַרפֿאַלן!... אײן בקשה האָב איך צו אײַך, מײַנע טײַערע: איר זאָלט מיך באַהאַלטן אינאײנעם מיט חײַקען, — שרײַבט זי — אַ קבר נעבן אַ קבר. און זײַט געזונט — לאָזט זי אויס דעם בריוו — און פֿאַרגעסט, פֿאַרגעסט, אַז איר האָט ווען געהאַט אַ טאָכטער עטקע"... איר הערט? מיר זאָלן פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן ווען געהאַט אַ טאָכטער עטקע!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פֿון הינטער מײַנע פּלײצעס דערהערט זיך אַ שאָרך, אַ קריכן און אַ קרעכצן, און נאָכדעם — אַ פֿאַרשטיקט הײזעריק פֿאַרשלאָפֿן קול פֿון אַ פֿרוי:

— אַבֿרהמל! אַבֿרהמל?...

— האַ, וואָס איז, גיטקע? אויסגעשלאָפֿן? טיי וועסטו טרינקען? אָט באַלד האָבן מיר אַ סטאַנציע. אַוווּ איז דער טשײַניק? אַוווּ די טיי און צוקער?

ענדע געשיכטע נומער זעקס.

געשריבן אין יאָר 1909

ter.) 'No,' I said, 'what happened?' 'You won't believe this,' he says, 'but she went and poisoned herself!' "

"Dear me!"

"As soon as I heard that, I ran right home. My first thought was, what will Etke say? (My daughter's name was Etke.) 'Where's Etke?' I asked my wife. 'She's still sleeping,' she says. 'What's wrong?' 'You won't believe this,' I say, 'but Chaika poisoned herself.' The words weren't out of my mouth when my wife grabs her head in her hands and screams: 'Oh, my God! Oh, dear God! Oh, God help her!' 'Who? What?' I said. 'You won't believe this,' she says, 'but Etke spent at least two hours with her just last night.' 'Etke with Chaika?' I say. 'What are you talking about? How can that be?' 'Don't ask me that now!' she says. 'I had to give in to her. She begged me not to tell you that she was seeing her every day. Oh, God! If only this were all a bad dream . . .' And she turns around, my wife, runs into Etke's room, and collapses there on the floor. I ran in after her, straight to the bed. 'Etke! Etke!' I called. What Etke? Who was I calling? She was gone."

"Gone?"

"Dead. In her own bed. There was a bottle on the table with a note beside it, written in her own hand—not in Russian, but in Yiddish. It was a thing of beauty, her Yiddish! 'Dear, darling Papa and Mama,' she wrote. 'Please forgive me for causing you such grief and shame. A hundred times I beg your forgiveness. We promised each other, Chaika and I, that we would die a single death, because we can't live without each other. I know, my dearest ones, that I'm doing a terrible thing to you. I've gone through all kinds of torment. But my fate is my fate, and I must go to meet it . . . I have only one request of you, my dears—that you bury me in a grave next to Chaika's. Be well, and please, please forget you ever had a daughter named Etke . . .' Did you hear that? We should forget we had a daughter named Etke . . ."

There was a sound of stirring behind me, followed by a yawn or a groan and the hoarse, sleep-constricted voice of a woman calling:

"Avreml? . . . Avreml! . . ."

"Gitke, are you up? How did you sleep? Would you like a hot drink? There's a station coming up soon. Where's the thermos? Where did you put the tea and sugar?"

*(1909)*

from: *Tevye the Dairyman and The Railroad Stories*
trans. Hillel Halkin (New York: Schocken, 1987)